**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/15/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## מער זיכערע גאסן: גאווערנער האקול ברענגט ארויס 6.7 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג אין געזעץ ענפארסירונג טעכנעלאגיע לענגאויס צענטראל ניו יארק

***פארברעכנס אין סירעקיוז איז אראפ באלד 28 פראצענט פון פאריגע יאר***

***127 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג טוט ערמעגליכן פאר לאקאלע פאליציי אפטיילונגען און שעריפ'ס אפיסעס לענגאויס דעם סטעיט צו מאדערנעזירן אפעראציעס, פארבעסערן אפיציר זיכערהייט, און באשיצן ניו יארקער***

***1.3 מיליאן דאלאר פאר סירעקיוז פאליציי אינוועסטירט אין ספאט ראבאט הונט, דראונס, און LED לעקטער פאר ערטער וואו עס קומען פאר אסאך פארברעכנס***

***פובליק זיכערהייט אינוועסטירונגען טוען ברענגען רעזולטאטן מיט באדייטנדע נידערונגען אין גאן געוואלדטאטן לענגאויס צענטראל ניו יארק***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט באזוכט די סירעקיוז פובליק זיכערהייט געביידע (Syracuse Public Safety Building) ארויסצוברענגען די מער פון 6.7 מיליאן דאלאר אין סטעיט אינוועסטירונגען וועלכע טוען מאדערניזירן געזעץ ענפארסירונג טעכנעלאגיע און געצייג לענגאויס צענטראל ניו יארק (Central New York). גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) און לאקאלע באאמטע האבן אויך ארויסגעברענגט אז פארברעכנס אין סירעקיוז (Syracuse) איז אראפ באלד 28 פראצענט פון פאריגע יאר, לויט די סירעקיוז סיטי באאמטע. די באזוך האט אריינגענומען אויסהערן א באריכט דורך ערוועהלטע באאמטע, געזעץ ענפארסירונג און פובליק זיכערהייט פירער פון איבער דעם גאנצן ראיאן, נאכגעפאלגט מיט א טעכנעלאגיע דעמאנסטרירונג צייגנדיג העכסט-פארגעשריטענע טעכנעלאגיע. פארטיילט פאר די 378 פאליציי אפטיילונגען און שעריפ'ס אפיסעס איבער'ן סטעיט, טוט די 127 מיליאן דאלאר ברענגען רעזולטאטן דורך פארבעסערן אפיציר זיכערהייט, באשיצן ניו יארקער, און פארשטערקערן אפעראציעס.

״האלטן ניו יארקער פארזיכערט איז מיין העכסטע פריאריטעט. דערפאר האב איך פינאנצירט אינוועסטירונגען אין די טעכנעלאגיע און געצייג וואס פעלט זיך אויס צו באקעמפן די געפארן פון די איין-און-צוואנציגסטן יאר-הונדערט," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די אינוועסטירונגען טוען ווייזן עכטע רעזולטאטן און טוען מאכן קאמיוניטיס מער פארזיכערט לענגאויס דעם סטעיט. איך בלייב ווייטער פארפליכטעט צו שטיצן לאקאלע פאליציי אפטיילונגען, שעריפ'ס אפיסעס און זייערע געזעץ ענפארסירונג מיטארבעטער צו האלטן ניו יארקער באשיצט."

די סירעקיוז פאליציי אפטיילונג (Syracuse Police Department) האט באקומען כמעט 1.3 מיליאן דאלאר, ערמעגליכנדיג פאר די אגענטור צו קויפן LED לעקטער פאר ערטער וואו עס קומען פאר אסאך פארברעכנס, דראונס, און די Spot ראבאט הונט ארויסצוהעלפן אין מעגליך-געפארפולע מצבים אן שטעלן אפיצירן אין געפאר. אנדערע אגענטורן אין צענטראל ניו יארק וועלכע האבן באקומען באדייטנדע גרענטס רעכענען אריין אסוועגאו קאונטי עמערדשענסי מענעדשמענט (Oswego County Emergency Management), וואס האט געניצט 650,000 דאלאר צו אינוועסטירן אין נייע געצייג, אריינגערעכנט [איר אייגענע Spot ראבאט הונט](), און די קארטלענד פאליציי אפטיילונג (Cortland Police Department), וואס האט באקומען מער פון 575,000 דאלאר. די סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס (State Division of Criminal Justice Services, DCJS) האט צוגעשטעלט פינאנצירונג פאר א סך הכל פון 33 אגענטורן לענגאויס צענטראל ניו יארק צו פארשטערקערן אפעראציעס, אויסברייטערן אויספארשונג מעגליקייטן, און מאדערנעזירן געצייג. א פולע ליסטע לויט אגענטור פון פינאנצירונג איבער'ן סטעיט איז [צו באקומען אנליין]().

די גאווערנאר האט אויך ארויסגעברענגט די לעצטיגע ציפערן באריכטעט דורך 28 פאליציי אפטיילונגען וועלכע נעמען אנטייל אין די סטעיט'ס 'פטור ווערן פון גאן-פארמישטע געוואלדאטן' (Gun Involved Violence Elimination, GIVE) איניציאטיוו, וואס שטיצט קא-ארדענירטע באמיאונגען צו רעדוצירן גאן-געוואלדטאטן אין 21 קאונטיס. אנאנדאגא קאונטי און די סיטי פון סירעקיוז זענען צווישן די GIVE יוריסדיקציעס וועלכע האבן דאס יאר געזעהן באדייטנדע נידערונגען אין גאן-געוואלדטאטן. ווען מען פארגלייכט די תקופה פון יאנואר ביז אגוסט 2025 צו דעם זעלבן תקופה פאריגע יאר, זענען שיסערײ איניצידענטן וועלכע האבן פארוואונדערט מענטשן און די צאל קרבנות פון שיסערייען אראפ מיט 15 פראצענט אין סירעקיוז.

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון קרימינאלע גערעכטיגקייט סערוויסעס קאמישענער Rossana Rosado (ראסאנא ראסאדא) האט געזאגט,** "גאווערנער Hochul'ס (האקול) פארליכטונג צו אינוועסטירן אין די מערסט-פארגעשריטענע געצייג טוט העלפן אגענטורן לענגאויס ניו יארק צו קענען בעסער רעאגירן און האלטן אונזערע קאמיוניטיס פארזיכערט. די ריסאורסעס טוען נישט בלויז פארבעסערן אפיציר זיכערהייט, נאר טוען אויך פארשטערקערן די צוזאמענארבעט וואס איז אזוי וויכטיג צו קענען רעדוצירן פארברעכנס און באשיצן ניו יארקער."

**סטעיט סענאטאר Chris Ryan (קריס רייען) האט געזאגט,** "האלטן אונזערע געגנטער פארזיכערט פאדערט סיי שטארקע קאמיוניטי צוזאמענארבעט און סיי די געצייג וואס געזעץ ענפארסירונג דארף צו קענען גוט טוהן זייער ארבעט. די אינוועסטירונג פארזיכערט אז פאליציי אפטיילונגען לענגאויס צענטראל ניו יארק, אריינגערעכנט אסוועגאו קאונטי עמערדשענסי מענעדשמענט, קענען זיך באניצן מיט מאדערנע טעכנעלאגיע וואס באשיצט אפיצירן, פארמיידט פארברעכנס, און בויעט מער פארזיכערטע געגענט פאר אונזערע פאמיליעס. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנאר Hochul (האקול) פאר'ן פריאריטיזירן פובליק זיכערהייט און פאר'ן צושטעלן די ריסאורסעס אזוי אז מיר קענען ווייטער אראפברענגען גאן געוואלדטאטן און פארשטערקערן צוטרוי צווישן געזעץ ענפארסירונג און די קאמיוניטיס וועמען זיי סערווירן."

**אסעמבלי מיטגליד William Magnarelli (וויליעם מעגנערעלי) האט געזאגט,** "געזעץ ענפארסירונג האט די כסדר'דיגע פליכט פון באקעמפן פארברעכנס. דורך זיך באניצן מיט פארשריטן אין טעכנעלאגיע, קען געזעץ ענפארסירונג ווייטער באשיצן אונזערע געגנטער און קאמיוניטיס בשעת'ן פארמערן אפיציר זיכערהייט און אפעקטיווקייט."

**אסעמבלי מיטגליד Pamela Hunter (פאמעלע האנטער) האט געזאגט,** "פובליק זיכערהייט פאדערט סיי אינאוואציע און סיי צוזאמענארבעט, און די אינוועסטירונגען טוען דאס ביידע צושטעלן. דורך צושטעלן מאדערנע געצייג פאר געזעץ ענפארסירונג און שטיצן קאמיוניטי פראגראמען, טוט ניו יארק

רעדוצירן געוואלדטאטן, באשיצן אפיצירן, און בויען שטערקערער, מער פארזיכערטע קאמיוניטיס לענגאויס צענטראל ניו יארק.

**סיטי פון סירעקיוז מעיאר Ben Walsh (בען וואלש) האט געזאגט,** "פארברעכנס איז אראפ בלאד 28 פראצענט דאס יאר אין די סיטי פון סירעקיוז, און די צוזאמענארבעט מיט גאווערנאר Hochul (האקול) און ניו יארק סטעיט טוט ברענגען א פאזיטיווע טויש פאר אונזער סיטי. סיי ווען סירעקיוז האט זיך נאר אמאל געניטיגט אין הילף צו אדרעסירן פארברעכנס אדער אינוועסטירן אין פארמיידונג זיכערהייט מאסנאמען, איז גאווערנאר Hochul (האקול) מיט איר טיעם געשטאנען גרייט צו העלפן. סירעקיוז איז מער פארזיכערט, אבער עס איז נאך פארהאן אסאך ארבעט וואס דארף געטוהן ווערן. איך בין זיכער אז מיט די גאווערנאר'ס פירערשאפט, וועט ניו יארק פארזעצן צו זיין א שטארקע און ווירקזאמע שותף פאר סירעקיוז."

**אנאנדאגא קאונטי עקזעקיוטיוו Ryan McMahon (רייען מעקמעהאן) האט געזאגט,** "פארזיכערן די זיכערהייט פון אונזער קאמיוניטי אז איינער פון די וויכטיגסטע פאראנטווארטליכקייטן וואס מיר טראגן אלס ערוועהלטע באאמטע. פון דעם ערשטן טאג, האט מיין אדמיניסטראציע געארבעט איבערמידליך צו שטיצן און אינוועסטירן אין קריטשע פובליק זיכערהייט איניציאטיוון צו העלפן מאכן אונזער קאמיוניטי די פארזיכערטסטע וואס איז נאר מעגליך. פונדעסוועגן, טוט אבער ווירקזאמע פובליק זיכערהייט פאדערן צוזאמענארבעט אויף אלע שטאפלען, און די היינטיגע מעלדונג ברענגט ארויס די סארט צוזאמענארבעט. איך וויל באדאנקען אלע די וועלכע האבן ערמעגליכט דעם היינטיגע טאג, און איך קוק ארויס ווייטער צו ארבעטן מיט אלע פון אונזערע פובליק זיכערהייט מיטארבעטער פאר די טובה פון אונזער קאמיוניטי."

**אנאנדאגא קאונטי דיסטריקט עטארני William Fitzpatrick (וויליעם פיטספעטריק) האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאווערנאר Hochul (האקול) פאר איר אומבויגזאמע פארפליכטונג צו שטיצן געזעץ ענפארסירונג און האלטן ניו יארקער פארזיכערט. צו עס זאל זיין איר שטארקע שטיצע פאר דיסקאוועריי ריפארם אדער איר פינאנציעלע אינוועסטירונג אין נייע טעכנעלאגיע צו העלפן נאכקוקן ווילדע פארברעכער, איז זי געוועהן אן אמת'ער פירער פאר פובליק זיכערהייט."

**אנאנדאגא קאונטי שעריף Toby Shelley (טויבי שעלי) האט געזאגט,** "פארברעכנס האלט אין איין ווערן מער פארגעשריטן, און די פארברעכער וועלכע פירן דורך די פארברעכנס ארבעטן איבער גרויסע געגנטער, וואס מאכט די ארבעט דאס צו באקמעפן מאר קאסבאר און מאכט געזעץ ענפארסירונג צוזאמענארבעט מער וויכטיג. גאווערנאר Hochul (האקול) אנערקענט די שוועריקייטן און האט געמאכט און טוט ווייטער מאכן די נויטיגע אינוועסטירונגען, צו עס זאל זיין טעכנעלאגיע אדער פראגראמען צו האלטן מענטשן פארזיכערט. די רעזולטאטן רעדן פון זיך אליינס."

גאווערנאר Hochul (האקול) האט אנגעמערקט די קריטישע ראלע פון די צענטראל ניו יארק פארברעכנס אנאליזירונג צענטער (Central New York Crime Analysis Center) צו שטיצן געזעץ ענפארסירונג דורכאויס דעם ראיאן. געפונענדיג זיך צוזאמען מיט די סירעקיוז פאליציי אפטיילונג אין די סירעקיוז פובליק זיכערהייט געביידע, טוט די צענטער סערווירן קעיוגע (Cayuga), מעדיסען (Madison), אנאנדאגא (Onondaga), און אסוויגאו (Oswego) קאונטיס. אין אגוסט, האט עס באהאנדלט 10,217 בקשות פאר סערוויס דאס יאר, אריינגערעכנט 6,421 פון די סירעקיוז פאליציי אפטיילונג. אין 2024, האבן די [11 צענטערן וועלכע טוען אויסמאכן די סטעיט'ס פארברעכנס אנאליזירונג צענטער נעטווארק] באהאנדלט כמעט 131,000 בקשות, פון וואס 22,920 דערפון זענען געשיקט געווארן צו די צענטראל ניו יארק צענטער.

די טעכנעלאגיע אינוועסטירונגען בויען אויף אנדערע סטעיט-געשטיצטע באמיאונגען אין סירעקיוז, אריינגערעכנט [2.28 מיליאן דאלאר פאר די SNUG סטריט אוטריטש פראגראם ( SNUG Street]

(Outreach Program) און 2 מיליאן דאלאר פאר פראיעקט RISE, וואס טוט צושטעלן שטארקע מענטארינג, דשאב טרענירונג, און אנדערע הילף פאר יונגע מענטשן אונטער די ריזיקע פון גאן געוואלדטאטן זיי צו העלפן מצליח זיין און אויסמיידן פון פארמישט ווערן מיט די יוסטיץ סיסטעם. פארגאנגענעם הערבסט, האט גאווערנאר Hochul (האקול) אויך געמאלדן נאך 2.5 מיליאן דאלאר דורך DCJS, אריינגערעכנט 1.5 מיליאן דאלאר צו גרינדן א נייע סירעקיוז פראגראם וואס פארבינדט יוסטיץ-פארמישטע יונגווארג מיט קלאסן, מענטארינג, און אינטערנשיפס, און 1 מיליאן דאלאר צו אויסברייטערן יונגווארג דייווערשען סערוויסעס ביי די אנאנדאגא קאונטי פראובעישען אפטיילונג (Onondaga County Probation Department). די פינאנצירונג קומט אין די צייט וואס עס דראעט אויף צענטראל ניו יארק כמעט 400,000 דאלאר אין פינאנצירונג שניטן צוליב פובליק זיכערהייט עמערדשענסי גרייטקייט פון די פעדעראלע רעגירונג.

די פינאנציעלע יאר 2026 ענעקטעד בודשעט האט אנגעהאלטן די 347 מיליאן דאלאר אין ערשטמאליגע פינאנצירונג פארזיכערט דורך גאווערנאר Hochul (האקול) פאר גאן געוואלדטאטן פארמיידונג פראגראמען, אריינגערעכנט GIVE, און טוט שטיצן נאך איניציאטיוון צו פארבעסערן פובליק זיכערהייט, אויסברייטערן שטיצע פאר באטראפענע און איבערלעבער פון פארברעכנס, און פארשטערקערן קאמיוניטיס.

די דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס שטעלט צו קריטישע שטיצע פאר אלע הינזיכטן פון די סטעיט'ס קרימינאלע יוסטיץ סיסטעם, אריינרעכענענדיג, אבער נישט באגרעניצט צו: טרענירן געזעץ איינפארסירונג און אנדערע קרימינאלע יוסטיץ פראפעסיאנאלן; האלטן אויפזיכט איבער א געזעץ איינפארסירונג קרעדיט פראגראם; פארזיכערן אז Breathalyzer (אפאראט וואס קוקט איבער דאס אטעם) און שנעלקייט איינפארסירונג געצייג געניצט דורך לאקאלע געזעץ איינפארסירונג ארבעטן ריכטיג; אנפירן קרימינאלע יוסטיץ גרענט פינאנצירונג; איבערקוקן פארברעכן און פראגראם אינפארמאציע איבער די סטעיט; צושטעלן פארשונג שטיצע; האלטן אויפזיכט איבער קאונטי פראובע דעפארטמענטס און אלטערנאטיוון צו טורמע פראגראמען; און אויסארבעטן יוגנטליכע יוסטיץ פאליסי. פאלגט נאך DCJS אויף Facebook, Instagram, LinkedIn און X(פריער Twitter).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן